# תורה נבֿיאים וכתובֿים

## תּרגום ייִדיש פֿון יהואש

# נַחום

א 1 די נבֿואה אויף נינוֵה; דאָס בוך פֿון דער זעונג פֿון נחום דעם
אֶלקושי.

2 אַ גאָט אַ צערענער און אַ ראַכענעמער איז יהוה,
יהוה איז אַ ראַכענעמער און פֿול מיט גרימצאָרן,
יהוה איז זיך נוֹקם אָן זײַנע פֿײַנט,
און ער האַלט דעם כּעס צו זײַנע שׂוֹנאים.
3 יהוה איז אײַנגעהאַלטן אין צאָרן,
און גרויס אין מאַכט,
און שענקען שענקט ער ניט;
יהוה – מיט ווינט און מיט שטורעם איז זײַן וועג,
און וואָלקן דער שטויב פֿון זײַנע פֿיס.
4 ער שרײַט אָן אויפֿן ים, און טריקנט אים אויס,
און אַלע טײַכן מאַכט ער טרוקן;
פֿאַרוועלקט ווערט דער בָשָן און כַּרמֶל,
און די בליונג פֿון לבָנוֹן ווערט פֿאַרוועלקט.
5 די בערג ציטערן פֿאַר אים,
און די טאָלן טוען זיך וואַקלען,
און די ערד ווערט אויפֿגעטרייסלט פֿון זײַן פּנים,
אי די וועלט אי אַלע וווינער אין איר.
6 פֿאַר זײַן כּעס ווער קען זיך שטעלן?
און ווער קען באַשטיין אין זײַן גרימצאָרן?
זײַן צאָרן גיסט זיך אויס ווי פֿײַער,

און די פֿעלזן ווערן צעשטויסן פֿאַר אים.
7 גוט איז יהוה,
פֿאַר אַ פֿעסטונג אין טאָג פֿון נויט;
און ער ווייס די וואָס שיצן זיך אין אים.
8 אָבער מיט אַ שטראָמיקער פֿלייצונג
וועט ער מאַכן אַ פֿאַרלענדונג פֿון איר אָרט,
און זײַנע פֿײַנט וועט נאָכיאָגן פֿינצטערניש.
9 וואָס טראַכט איר אַקעגן גאָט?
אַ פֿאַרלענדונג וועט ער מאַכן,
די צרה וועט ניט אויפֿשטיין אַ צווייט מאָל.
10 וואָרום בעת זיי זײַנען ווי דערנער אײַנגעפֿלאָכטענע,
און ווי זיי שיכּורן פֿאַרשיכּורטע,
וועלן זיי אין גאַנצן פֿאַרצערט ווערן
ווי טרוקענע שטרוי.
11 פֿון דיר איז אַרויסגעקומען
דער וואָס טראַכט בייז אַקעגן גאָט,
וואָס באַראָט נידערטרעכטיקייט.
12 אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
ווי געזונט און אַזוי פֿיל ווי זיי זײַנען,
אַזוי וועלן זיי פֿאַרשניטן ווערן און פֿאַרגיין;
הגם איך האָב דיך געפּײַניקט,
וועל איך מער דיך ניט פּײַניקן.
13 און אַצונד וועל איך צעברעכן זײַן יאָכשטאַנג פֿון דיר,
און דײַנע בינדשטריק וועל איך צערײַסן.

14 און גאָט האָט באַפֿוילן וועגן דיר,
אַז פֿון דײַן נאָמען זאָל מער קיין זאָמען ניט זײַן;
פֿון הויז פֿון דײַן גאָט וועל איך פֿאַרשנײַדן
געשניצטע און געגאָסענע געצן;
איך וועל דיר אַ קבֿר מאַכן,
ווײַל דו ביסט צו שאַנד געוואָרן.

# ב

1 זע אויף די בערג די פֿיס פֿון דעם אָנזאָגער
וואָס מאַכט הערן שלום!
פֿײַער, יהודה, דײַנע פֿײַערטעג,
באַצאָל דײַנע נדרים,
וואָרום מער וועט ניט דורכגיין
אין דיר דער נידערטרעכטיקער,
ער איז אין גאַנצן פֿאַרשניטן.

2 אַ צעברעכער גייט אַרויף אַקעגן דיר;
היט די פֿעסטונג.
קוק אויס אויפֿן וועג,
פֿעסטיק די לענדן,
שטאַרק זייער דײַן כּוח. –
3 וואָרום גאָט קערט אום דעם שטאָלץ פֿון יעקבֿ
ווי דעם שטאָלץ פֿון ישׂראל;
וואָרום אויסליידיקער האָבן זיי אויסגעליידיקט,
און זייערע צווײַגן פֿאַרדאָרבן. –
4 דער שילד פֿון זײַנע גיבּורים איז גערויטיקט,
די קריגסלײַט אין ווערמילפֿאַרב,
אין פֿײַערדיקן שטאָל די רײַטוועגן,
אין טאָג פֿון זייער צוגרייטונג;
און די ציפּרעסשפּיזן ווערן געפּאָכט.
5 דורך די גאַסן ווילדעווען די רײַטוועגן,
זיי שטורעמען דורך די מערק,
זייער אָנבליק איז ווי פֿלאַמען,
ווי די בליצן לויפֿן זיי אום.

6 ער טראַכט אָן זײַנע מאַכטיקע,
אָבער זיי ווערן געשטרויכלט אין זייער גאַנג;
מע אײַלט צו דער מויער,
און צוגעגרייט ווערט דער שירעמדאַך.
7 די טויערן פֿון די טײַכן זײַנען געעפֿנט,
און דער פּאַלאַץ ווערט צערונען.
8 און די מלכּה ווערט אַן אָפּגעדעקטע אַוועקגענומען,
און אירע דינסטן קלאָגן
אַזוי ווי דער קָול פֿון טויבן,

זיך קלאַפּנדיק אויף די הערצער.
9 און נינוֵה איז ווי אַ טײַך וואַסער
פֿון זינט די טעג וואָס זי איז;
אָבער זיי אַנטלויפֿן;
"שטייט! שטייט!"
אָבער קיינער קערט זיך ניט אום.
10 רויבט זילבער, רויבט גאָלד,
ניטאָ קיין שיעור צו דעם אויסשטאַט,
אַ רײַכטום פֿון אַלע גלוסטיקע זאַכן.
11 זי ווערט פּוסט און וויסט און פֿאַרוויסט,
און דאָס האַרץ ווערט צעגאַנגען,
און אַ וואַקלעניש פֿון קני,
און אַ ציטערניש אין אַלע לענדן;
און זייערע אַלעמענס פּנימער
נעמען אָן אַ פֿינצטערניש.
12 ווּו איז די וווינונג פֿון די לייבן,
וואָס איז געווען דער פּיטערפּלאַץ פֿאַר יונגלייבן,
וואָס דאָרטן איז אומגעגאַנגען דער לייב, די לייבינטע,
דאָס קליינע לייבל, און קיינער האָט ניט געשראָקן?
13 דער לייב פֿלעגט פֿאַרצוקן גענוג פֿאַר זײַנע יונגע,
און ווערגן פֿאַר זײַנע לייבינטעס,
און האָט אָנגעפֿילט מיט פֿאַרצוקונג זײַנע לעכער,
און זײַנע וווינונגען מיט פֿאַרצוקטע.
14 זע, איך וועל קומען אויף דיר, זאָגט גאָט פֿון צבָ־אוֹת,
און איך וועל פֿאַרברענען אויף רויך אירע רײַטוועגן,
און דײַנע יונגלייבן וועט פֿאַרצערן די שווערד;
און איך וועל פֿאַרשנײַדן פֿון דער ערד דײַן רויב,
און מער וועט ניט געהערט ווערן דער קָול פֿון דײַנע שלוחים.

## ג

1 וויי די בלוטיקע שטאָט,
אין גאַנצן מיט פֿאַלשקייט, מיט רויב, אָנגעפֿילט!
עס טוט זיך ניט אָפּ די פֿאַרצוקונג.
2 אַ קנאַל פֿון בײַטשן,
און אַ רַעַש-געפּילדער פֿון רעדער,

און פֿערד יאָגן,
און רײַטוועגן שפּרינגען;
3 רייטער שטורעמען אַרויף,
און פֿלאַם פֿון שווערד,
און בליץ פֿון שפּיז,
און אַ סך דערשלאָגענע,
און אַ הויפֿן פּגרים,
און אָן שיעור טויטע לײַבער;
און זיי שטרויכלען אָן זייערע טויטע לײַבער.
4 פֿון וועגן די פֿיל זנותן
פֿון דער וויל-חנעוודיקער זונה,
דער מײַנסטערין פֿון כּישוף,
וואָס פֿאַרקויפֿט פֿעלקער מיט אירע זנותן,
און משפּחות מיט אירע כּישופֿן.
5 זע, איך קום צו דיר, זאָגט גאָט פֿון צבָֿאות,
און איך וועל אויפֿדעקן דײַנע ברעגן אויף דײַן פּנים,
און וועל ווײַזן די פֿעלקער דײַן נאַקעטקייט,
און די קיניגרײַכן דײַן שאַנד.
6 און איך וועל אַרויפֿוואַרפֿן אויף דיר אומווערדיקייטן,
און וועל דיך פֿאַרמיאוסן, און דיך מאַכן ווי מיסט.
7 און עס וועט זײַן, אַלע וואָס זעען דיך,
וועלן ווײַכן פֿון דיר,
און זאָגן: "פֿאַרוויסט געוואָרן איז נינוֵה;
ווער קען זי באַקלאָגן?
פֿון וואַנען זאָל איך זוכן טרייסטער פֿאַר דיר?"
8 ביסטו דען בעסער פֿון נוֹא-אָמוֹן,
וואָס איז געזעסן צווישן טײַכן, מיט וואַסער אַרום איר;
וואָס איר פֿעסטונג איז געווען דער ים,
פֿון ים איז געווען איר מויער?
9 כּוש איז געווען אַ שטאַרקייט, און מִצרַיִם אָן שיעור,
פּוט און לובים זײַנען געווען דיר צו הילף.
10 אָבער אויך זי איז אין גלות,
אין געפֿאַנגענשאַפֿט איז זי געגאַנגען;
אויך אירע קליינע קינדער זײַנען צעהאַקט געוואָרן
אין אַלע עק גאַסן; און אויף אירע נִכבדים
האָט מען גורל געוואָרפֿן,

און אַלע אירע גרויסע לײַט
זײַנען אין קייטן געשמידט געוואָרן.
11 דו אויך וועסט שיכּור ווערן,
וועסט זײַן אַ געחלשטע,
דו אויך וועסט זוכן
אַ באַשיצונג פֿון פֿײַנט.

12 אַלע דײַנע פֿעסטונגען וועלן זײַן
ווי פֿײַגנביימער מיט ערשטפֿײַגן:
וואָס אַז זיי ווערן געטרייסלט,
פֿאַלן זיי דעם עסער אין מויל.
13 זע, דײַן פֿאָלק אין דיר זײַנען ווײַבער,
אָפֿן געעפֿנט געוואָרן פֿאַר דײַנע פֿײַנט
זײַנען די טויערן פֿון דײַן לאַנד,
פֿאַרצערט האָט אַ פֿײַער דײַנע ריגלען.
14 וואַסער פֿאַר באַלעגערונג שעפּ דיר אָן,
פֿאַרשטאַרק דײַנע פֿעסטונגען,
גיי אין ליים און טרעט וואַפּנע,
נעם אָן די ציגלפֿורעם.
15 דענצמאָל וועט דיך אַ פֿײַער פֿאַרצערן,
אַ שווערד וועט דיך פֿאַרשנײַדן;
זי וועט דיך אויפֿעסן ווי דער הײשעריק;
מעגסט זיך מערן ווי דער הײשעריק,
מעגסט זיך מערן ווי דער גריל.
16 האָסט געמערט דײַנע האַנדלסלײַט מיין פֿון די שטערן פֿון הימל –
האָט דער הײשעריק זיך אויסגעשפּרייט און איז אַוועקגעפֿלויגן.
17 דײַנע געקרוינטע זײַנען ווי גרילן,
און דײַנע פֿירער ווי אַ מחנה הײשעריקן,
וואָס לאַגערן אויף די פּלויטן אין אַ קאַלטן טאָג;
גייט אויף די זון, אַזוי פֿליען זיי אַוועק,
און מע ווייסט ניט זייער אָרט ווּ זיי זײַנען.
18 אײַנגעשלאָפֿן זײַנען דײַנע פּאַסטוכער, מלך פֿון אַשור,
עס רוען דײַנע מאַכטיקע,
צעשפּרייט אויף די בערג איז דײַן פֿאָלק,
און ניטאָ ווער זאָל אײַנזאַמלען.

19 ניטאָ קיין לינדערונג פֿאַר דײַן בראָך,
שווער איז דײַן וווּנד;
אַלע וואָס הערן דײַן הערונג,
קלאַפּן מיט די הענט אויף דיר,
וואָרום אויף וועמען איז ניט אַריבער תּמיד דײַן בייז?

© 2005 Dworkins and Leonard Prager. All Rights Reserved.